# פרשת בהעלותך - קרח ט"ו סיון - ה' תמוז תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **חיים מאיר פראמאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **עזריאל מנחם ליכטמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **שמואל זלמן** ב"ר **יעקב בער גרינוואלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **וואלף ווייסבערגער** הי"ו. ושל החתן **יעקב** ב"ר **יהודא זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנניא קאהן** הי"ו.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **חנניא יו"ט ליפא** ב"ר **אליעזר בנציון געלבשטיין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן הערש בלווישטיין** הי"ו (ראה"ק דבית המדרש סאמבאטהעלי) שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים מאיר פראמאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר הבר מצוה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יהושע דוב יאקאבאוויטש** ע"ה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרה"ג רבי **יעקב דוד** כ"ץ שליט"א (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א) שהתקיים באולם סקווירא.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל הרה"ג רבי **חיים דוב ווייסבערג** שליט"א.

אחר תפלת מנחה התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל לוי וויטריאל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת ש"ב הרב **צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בן הרב **יואל האלפערט** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הילולא של אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**, שהתקיים בבית המדרש תולדות אהרן.

*

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת לאנדא שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר *יהודא צבי לאנדא* ע"ה).

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל הרב **פישל שמעלצער** שליט"א.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס ראטה** הי"ו.

אחר תפלת מנחה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מנחם מענדל יצחק בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יוסף רייכמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

**יום חמישי פרשת בהעלותך**

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **דוד מענצער** הי"ו.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב פיש** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ש"ב הרב **משולם פייבוש שווארץ** ז"ל.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

**וזה תוכן הדברים בתחלת השיעור:**

**קודם** דארף מען אפגעבן א שבח והודיה פארן אייבערשטען, אז נאך אזא גרויסען הפסק וואס מען האט נישט געקענט זיצען צוזאמען און לערנען, געפונט מען זיך ב"ה געזונטערהייט אין בית המדרש ווייטער, און מען קען ממשיך זיין צו לערנען, דארף מען דאנקען דעם רבונו של עולם.

**כאטש** מען האט ביז יעצט אויך געלערנט, נאר עס איז געווען בריחוק מקום. אבער עס איז נישט די זעלבע תורה. תורה דארף מען לערנען אזוי ווי מען האט מקבל געווען פון משה רבינו, משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע (אבות א-א). תורה דארף מען נישט לערנען מיט טעיפס אדער דורכן טעלעפאון, תורה דארף מען לערנען איין מענטש מיטן צווייטען. מען דארף הערן דעם דיבור, מען דארף זעהן פון וועם מען לערנט, והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ). אין די גמרא (עירובין יג:) שטייט, אז רבינו הקדוש האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז מער מחודד פון זיינע חברים איז ווייל ער האט געזעהן דעם רוקן פון רבי מאיר, און ווען ער וואלט געזעהן דעם פנים פון רבי מאיר, וואלט ער געווען מער מחודד, כאטש ער האט געהערט די זעלבע ווערטער. איז א סימן אז א חלק פון תורה איז, אז מען קומט זיך צוזאם און מען לערנט פנים אל פנים. אזוי האט משה רבינו מקבל געווען די תורה, און אזוי האט ער עס איבערגעגעבן, און אזוי דארף זיין אין אלע דורות.

**שבת קודש פרשת בהעלותך**

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **פנחס אלימלך ראאב** הי"ו. כמו כן התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **יואל מענדל** בן הר"ר **חיים מאיר ווייזער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **אשר אבא חייא בוכינגער** נ"ו, חתן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א** (חבר בד"ץ דקהל יטב לב סאטמאר), שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

* * *

**יום ראשון פרשת שלח**

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל מחותנו **הרה"ג רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחיו **הרה"ג רבי יצחק באב"ד זצ"ל** אב"ד טארטיקוב (לאנדאן).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **יעקב קאפל** ב"ר **מנחם מענדל האלפערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נטע שלום פירטה** הי"ו, שהתקיים באולם ויזניץ.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **שלום עזר** ב"ר **קלמן אייזדארפער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי וועקסלער** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יהושע דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אברהם אליעזר פאלאטשעק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

***יום שני פרשת שלח***

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים מאיר ווייזער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא ארי' שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

כמו כן שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ישכר דוב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל פעלזן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

*

***יום שלישי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם פאלל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יוסף לינק** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר מאניס נעבענצאהל** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר ניו דזשערסי, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשפ"א הבעל"ט. **רבינו שליט"א** בדק איכות החטים, וקצר במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **אייזיק הערש בערקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום חמישי פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יוסף זונדל ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה סאטמאר (סקילמאן סט.). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם שע"י ביהמ"ד סלאנים.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל ההילולא של זקינו **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל**.

*

***שבת קודש פרשת שלח***

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

* * *

***יום ראשון פרשת קרח***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר השיעור התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **אלי'** (ב"ר שלמה) **שיין** ני"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס ניישטאדט** הי"ו. ושל החתן **ישכר דוב** (ב"ר מרדכי) **נאה** ני"ו, עב"ג בת הר"ר **בערל פאללאק** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מאיר יודא גראס** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

**_יום שני פרשת קרח_**

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם יצחק כהן** ע"ה, ואצל משפחת וויינגארטן שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **אלעזר אלימלך וויינגארטען** הי"ו), ואצל משפחת הר"ר **צבי ארי' לעבאוויטש** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

אחר השיעור נכנסו תלמידי כתה ח' של התלמוד תורה בוומסב"ג (תלמידי הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט"א) להבחן על כל מסכת מכות שלמדו במשך השנה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **חיים פישער** הי"ו, עב"ג בת הרב **שאול ראזען** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

**_יום שלישי פרשת קרח_**

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בבנין הבית חינוך לבנות. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א**.

**_וזה תוכן הדברי תורה:_**

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן און זיידעס, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא ביי די חומש סעודה פון די קינדער און די אייניקלעך. עס איז א געוואלדיגע שמחה אז דער אייבערשטער העלפט אז מען האט קינדער, און מען איז מגדל די קינדער על דרכי התורה. ווען א קינד קומט אריין אין חדר, דארף ער קענען קודם קריאה, און אנהייבן צו לערנען חומש, און אזוי ווייטער ממשיך זיין מיט די חינוך פון די קינדער. זאל דער אייבערשטער העלפן, אז חפץ ה' יצליח, מען זאל זעהן ביי זיי אסאך נחת.

**יעדן** יום טוב שבועות איז דער מנהג אז מען עסט מילכיגס, און עס איז דא כמה טעמים פארוואס מען עסט מילכיגס. איך האב געזעהן די וואך צוברענגען א טעם דערויף, די גמרא (סוטה יב:) זאגט, אז משה רבינו איז געבוירן געווארן ז' אדר. ותצפנהו שלשה ירחים (שמות ב-ב), מען האט אים באהאלטן דריי חדשים, און דעמאלטס האט מען אים אריינגעלייגט אינעם וואסער. קומט אויס, אז שבועות איז געווען דער טאג וואס מען האט אריינגעלייגט משה רבינו אין וואסער, און די זכות התורה פון שבועות האט מגין געווען אויף משה רבינו, אז ער איז ניצול געווארן. ווען מען האט ארויסגענומען משה רבינו פון וואסער, א קינד דארף דאך זייגן צו קענען לעבן, האט א מניקה פון פרעה געוואלט געבן צו זייגן פארן קינד, און משה רבינו האט נישט געזייגט, ביז עס איז געקומען די שוועסטער, און זי האט גערופן די מוטער, און דעמאלטס האט ער אנגעהויבן צו זייגן.

**זאגט** די גמרא, אז משה רבינו האט געזאגט, פה שעתיד לדבר עם השכינה, א מויל וואס גייט שפעטער רעדן מיט די שכינה, קען נישט יונק זיין מילך פון א דבר טמא. יונק זיין מילך פון א גוי'טע, איז נישט קיין איסור (עיין **שו"ע** יו"ד סימן פ"א), אבער אז מען איז יונק פון א גוי'טע, נעמט מען אריין אין זיך גוי'ישקייט. און א פה שעתיד לדבר עם השכינה, קען נישט האבן אין זיך קיין שום גוי'שקייט. וואו עס איז דא קדושה דארט קען אריינקומען א השראת השכינה. משה רבינו וואס האט געדארפט זיין א פה שעתיד לדבר עם השכינה, קען נישט אריינעמען אין מויל אפילו א זאך וואס איז אויסגעהאלטן, אבער עס איז גוי'ש. און אזוי ווי שבועות איז דער טאג וואס מען האט מקבל געווען די תורה, און דאס איז אויך געווען דער טאג וואס משה רבינו איז ניצול געווארן, אין דעם טאג האט אונז משה רבינו געלערנט, אז אפילו מילך דארף מען אכט געבן אז מען זאל נישט נעמען פון א גוי. עסט מען מילכיג, כדי צו מאכן א זכר, אז א פה שעתיד לדבר עם השכינה דארף מען האלטן בקדושה, און מען דארף אכטונג געבן אויף די מילך וואס מען הייבט אן צו טרינקען, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן.

**ווערט** מען דאך זאגן אז דאס איז נוגע נאר צו משה רבינו, און עס איז נישט נוגע צו אונז. אין פסוק (יואל ג-א) שטייט, אז לעתיד לבא, ווען משיח וועט קומען, ונבאו בניכם ובנותיכם, וועט חל זיין א רוח נבואה אויף אונזערע קינדער. דאס איז טייטש, אז אונזערע קינדער קענען זיין א פה שעתיד לדבר עם השכינה.

און א פה שעתיד לדבר עם השכינה דארף מען אכט געבן ווילאנג עס איז נאך קליין. מען זאל נישט זאגן, אז ער איז נאך א קליין קינד. משה רבינו איז נאר אלט געווען דריי חדשים, און אפילו אביסעלע גוי'שע מילך וואס ער וועט יונק זיין, קען נישט אריינקומען, אויב מען וויל אז דאס קינד זאל אויסוואקסען א פה שעתיד לדבר עם השכינה.

**די** וועלט זאגט נאך פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, אז ער האט זיך אמאל געטראפן מיט א יוד אין ארץ ישראל, און ער האט אים געפרעגט, וואו לערנט דיין קינד. האט ער אים געזאגט, אין זייער א מאדערנע מוסד. פרעגט ער אים, פארוואס שיקסטו אין אזא מוסד. האט ער אים געזאגט, מען לערנט דארט ערליכקייט, מיט א"ב. מען לערנט דארט אלעס אזוי ווי מען לערנט ערגעץ אנדערש. פרעגט ער אים, דו טראכסט אז משיח קען ארויסקומען פון דעם חדר. זאגט ער אים, משיח צו עס קען ארויסקומען פון דעם חדר ווייס איך נישט, אבער עס קען ארויסקומען א ערליך קינד. האט אים רבי יוסף חיים געזאגט, אז אין פסוק (תהלים קה-טו) שטייט, אל תגעו במשיחי. ווער זענען משיחי, אלו תינוקות של בית רבן (שבת קיט:). מיר דארפן מגדל זיין אונזערע קינדער, אז זיי זאלן קענען זיין משיח. אויב דאס איז אזא פלאץ וואס פון דארט קען נישט ארויסקומען משיח, דארפסטו נישט אהינשיקן. - עס זענען דא קינדער וואס זענען משיחי, וואס זיי קענען זוכה זיין אז זיי וועלן זיין משיח. מען ווייסט דאך נישט ווער עס וועט זיין דער משיח אינעם היינטיגען דור. אל תגעו במשיחי, ווען מען גייט מחנך זיין קינדער, דארף מען אייביג רעכענען, איך וויל אז מיין קינד זאל אויסוואקסען די שענסטע וואס עס קען זיין. איך גיי אים געבן אזא חינוך, איך וועל אכטונג געבן אויף יעדע קלייניגקייט וואס עס פעלט אויס צו יודישקייט, כדי עס זאל אים נישט שטערן שפעטער צו זיין משיח.

**יעדעס** קינד פאר זיך איז א געוואלדיגער אוצר, ב"ה די תלמוד תורה, מיט דעם חשובען מנהל, געבן זיך אפ מיט יעדן קינד ממש ווי א אייגען קינד. איך האלט אסאך מיט וואס עס טוט זיך אינעם תלמוד תורה. מען זעהט אזא צייט וואס מען איז יעצט אדורכגעגאנגען, וואס עס איז געווען זייער שווער דאס לערנען מיט די קינדער, און ב"ה ווי שיין זיי האבן געזאגט, און זיי האבן משלים געווען וואס זיי האבן פארפעלט אין די צייט. איך האב געזעהן שטיין פונעם **חידושי הרי"ם**, אז רש"י (במדבר א-א) זאגט, מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה, דער אייבערשטער האט ליב יודען, און ער ציילט זיי. וואס איז דער חשיבות אז ער איז מונה אותם כל שעה. זאגט ער, ווייל א דבר שבמנין ווערט נישט בטל (זבחים עג.). אמאל איז דא וואס מען ווערט בטל בששים, מען ווערט אויסגעמישט מיטן גאנצן ציבור, ער איז נישט פאר זיך אליין, ער ווערט א חלק פונעם כלל, און ער האט נישט קיין חשיבות פאר זיך אליין. דער אייבערשטער ציילט יודען צו ווייזן, אז יעדער יוד פאר זיך האט א חשיבות. אזוי ווי א דבר שבמנין ווערט נישט בטל, די זעלבע איז יעדער יוד איז נישט א חלק פונעם רבים, אז מען איז אויסגעמישט מיטן רבים, און פאר זיך אליין שטייט ער גארנישט. נאר עס איז א דבר שבמנין וואס ווערט נישט בטל.

**האט** מען געפרעגט דעם חידושי הרי"ם, אז די הלכה אז א דבר שבמנין ווערט נישט בטל, איז נאר א דין דרבנן, מן התורה ווערט א דבר שבמנין אויך בטל. דער אייבערשטער האט דאך געציילט יודען, פאר די רבנן האבן געזאגט אז א דבר שבמנין ווערט נישט בטל. האט דער חידושי הרי"ם געזאגט, אז דאס וואס א דבר שבמנין ווערט נישט בטל מדרבנן, איז נאר א מנין וואס מענטשען ציילען. ווען א מענטש ציילט, האט עס נישט אזא גרויסע חשיבות, איז נאר מדרבנן ווערט עס נישט בטל. אבער א מנין וואס די תורה האט געהייסען ציילען, און כל שכן ווען דער אייבערשטער ציילט, דאס איז אזא מנין וואס מן התורה ווערט עס אויך נישט בטל. יעדער יוד איז א דבר שבמנין וואס די תורה ציילט, יעדעס קינד איז א שטערן פאר זיך אליין, מונה מספר לכוכבים, און א דבר שבמנין ווערט נישט בטל. יעדעס קינד דארף מען אנקוקען וואו ער איז אן איין איינציגער קינד וואס איז דא, און מען דארף אים צושטעלן אלעס וואס עס פעלט אויס.

**איך** וויל מעורר זיין, עס קומט יעצט זומער, און **קינדער פארגעסן אסאך מאל במשך פונעם זומער וואס מען האט געלערנט פארדעם. עס גייט אדורך צוויי חדשים אן א געהעריגע מסגרת, דארף די טאטע אדער די מאמע נעמען איינמאל א וואך, פרייטאג אדער שבת, און איבערגיין נאכאמאל מיטן קינד די**

**א' ב' מיט די עברי, אים אויפפרישן אז ער זאל נישט צוריקפאלן. אלע פראבלעמען וואס איז דא שפעטער ביי בחורים וואס האלטן נישט מיט אין די ישיבה, איז א גרויס חלק דערפון ווייל ער קען נישט געהעריג עברי. און אלעס גייט נאר אויסנווייניג אינעם קאפ וואס ער האט איינגע'חזר'ט. די יסוד פון א קינד איז, צו קענען פליסיג עברי. און זומער איז א צייט וואס מען קען פארגעסן וואס מען האט געלערנט, דארפן עלטערן אוועקגעבן צייט דערויף, און איבער'חזר'ן מיט די קינדער.**

**איך** וויל באדאנקען פאר די הנהלה פון די מוסדות וואס לייגען אריין א געוואלדיגען כח אז מען זאל קענען ארויסגעבן אזעלכע קינדער וואס זענען עתיד לדבר עם השכינה, קינדער וואס קענען זיין אל תגעו במשיחי, קינדער וואס זענען א דבר שבמנין, יעדע קינד זאל זיין א שטערן פאר זיך אליין. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל זעהן פון זיי אסאך נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** במסיבת כבוד התורה וחלוקת פרסים לתלמידי ישיבה גדולה שנבחנו על מסכת בבא מציעא שלמדו במשך השנה העעל"ט, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי. אחר שנשמעו דברים מאת המשגיח הרב **אשר מאיר סעקולא** שליט"א, ומאת המנהל הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו תלמידי הישיבה לקבל הפרסים מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב נישט קיין סאך צוצוגעבן צו די חשובע ווערטער וואס מען האט פריער געהערט. יעדע ווארט פאר זיך איז געווען א מרגליות טובה, נאר פטור בלא כלום אי אפשר. אין הייליגע ספרים שטייט, שכר מצוה, מצוה (אבות ד-ב), די שכר וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מצוה, איז נישט דער גן עדן, נישט דער עונג וואס מען וועט האבן שפעטער דערפאר, נאר די מצוה אליין, דאס איז דער שכר מצוה. ביי א יוד דארף זיין די גרעסטע חשיבות, דאס אליין אז ער קען טון א מצוה פארן רבונו של עולם, טון א נחת רוח פארן אייבערשטען, דאס איז אסאך מער ווערט, ווי דער שכר וואס מען באקומט דערפאר. ווען איינער האט ליב זיינע עלטערן, און ער טוט פאר זיי וואס ער דארף צו טון, איז אים אסאך חשובער דאס וואס ער האט זיך געפלאגט פאר זיי, ווי די מתנה וואס ער גייט באקומען פון זיי שפעטער. - מען גיט מתנות פאר די וואס האבן געלערנט און זיי האבן זיך פארהערט, ב"ה עס איז דא א שיינע מספר וואס האבן זיך פארהערט די מסכתא, אבער נישט דאס איז דער שכר. דער שכר איז די שעות וואס מען האט זיך געפלאגט אויף תורה ביז מען האט געקענט די מסכתא, דאס איז דער גרעסטער שכר.

**דאס** רעדט מען פונעם עבר, פון א יאר צוריק וואס מען האט געלערנט מסכת בבא מציעא. עס איז א גרויסע מסכתא, און מען האט פלייסיג געלערנט, און מען האט זיך פארהערט דערויף. אבער עס איז אויך נוגע צו היי יאר תש"פ. עס קומט זומער, מען האט געלערנט מסכת כתובות, עס פעלט ענק א שטיק לעבן פון דעם יאר, וואס מען קען עס נישט משלים זיין, פון דעם חורבן וואס עס האט אנגעמאכט פון חודש אדר ביז יעצט ממש, און עס איז נאך אלץ נישט מסודר געהעריג. עס איז א הפסד דלא הדרא, עס איז זייער שווער אז מען זאל עס קענען ערזעצן. כמדומה לי אז א יעדער בחור, בכלליות אויף די וועלט, האט געהאט א ירידה. עס איז נישט געווען קיין ישיבות געהעריג, מען האט נישט געלערנט געהעריג, און אז מען לערנט נישט געהעריג האט מען אנדערע זאכען וואס צו טון, בטלה מביאה לידי שיעמום (כתובות נט:), די טעלעפאונס וואס האבן זיך אריינגעריקט אזוי מיט א זייטיגען טיר, מיט א היתר וכדומה, און עס איז געבליבן נאכדעם. און צוריק גיין וויל מען זיך נישט אפגעוואוינען פונעם יצר הרע וואס האט זיך צוגעקלעפט צונעם מענטש. עס פעלט ענק א געוואלדיגע חיות.

**אבער** אז דער אייבערשטער וועט העלפן אי"ה אז מען וועט האבן א גוטן זומער, קען מען אין די צוויי חדשים אלעס משלים זיין. עס איז דא אזויפיל צייט אינעם זומער, **א זומערדיגען טאג אינעם קעמפ, האט דאפעלט שעות פון וויפיל א בחור קען לערנען אין ישיבה דא**, וואס ער דארף אהיימגיין, קומען און פארן. אן קיין ביטולים פרייטאג און שבת, און אזוי ווייטער יעדע נאכט און יעדע טאג. און מען קען זייער אסאך

אנקומען. עס דארף זיין א התחדשות, כאילו עס הייבט זיך אן א נייע זמן, פארגעסן פון די אלע שוואכקייטן וואס מען האט געהאט ביז יעצט, און וואס זיין מצב איז. מען הייבט אן א נייעם זמן, אריינגיין מיט א נייעם חשק דערין. איך וויל קענען די מסכתא וואס מען האט געלערנט, און די לימודים וואס מען גייט ווייטער לערנען. איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט ביז יעצט. עס איז נישט אזוי שווער איבערצו'חזר'ן זאכען וואס מען האט געלערנט. איך וויל קענען מסכתות כתובות, איך וויל קענען די הלכות פון שבת וואס מען האט געלערנט, דאס לימוד פון 'ובהם נהגה', און אלע לימודים וואס מען האט צוגעלערנט דערצו, עס איז א זמן אז מען זאל איבער'חזר'ן.

**עס זענען דא בחורים וואס זענען מסוגל צו קענען די גאנצע מסכתא, אבער עס זענען אויך דא בחורים וואס זענען נישט מסוגל צו קענען די גאנצע מסכתא, און לכבוד דעם מיינט ער, אז ער איז פטור פון אלעם. איך וועל ממילא נישט קענען די גאנצע מסכתא, על כן איז גוט אזוי ווי עס איז. עס איז נישט אויסגעהאלטן. דער אייבערשטער פאדערט נישט פון א מענטש נאר לויט זיינע כוחות,** אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (עבודה זרה ג.), מען בעהט נישט פון א בחור מער פון וואס ער קען. אבער וואס ער קען, קען ער קענען זייער אסאך. **אז א בחור שפירט נישט אז ער קען קענען די גאנצע מסכתא, אבער א האלבע מסכתא קען ער קענען, דארף ער זיך אנשטרענגען צו קענען די האלבע מסכתא. אויב ער קען קענען א פערטל מסכתא, דארף ער זיך אנשטרענגען צו קענען א פערטל מסכתא. ביים אייבערשטען איז די זעלבע חשוב צו ער האט זיך פארהערט די גאנצע מסכתא, צו די האלבע מסכתא, דער עיקר איז, אז ער האט געלערנט און אויסגענוצט די צייט.** עס זענען דא אנדערע לימודים וואס מען האט געלערנט, אויב ער פילט נישט קיין סיפוק אין איין לימוד, חזר איבער א צווייטע זאך וואס דו האסט געלערנט. אבער יעדער בחור דארף האבן א זאך וואס ער גייט צוענדיגען אין משך פונעם זומער. - און די פלענער דארף מען נישט מאכען ווען מען קומט אין קעמפ, די פלענער דארף מען מאכן יעצט. פאר מען פארט ארויס אינעם קעמפ, מאכן זיין פלאן וואס גייט ער אויפטון אין משך פונעם זומער. וואס וועל איך קענען חודש אלול ווען מען גייט אהיים, איך זאל זיך קענען פארהערן, יעדער איינער קען טרעפן א געוויסע נקודה וואס ער קען עס גומר זיין, זיך צוזאמשטעלן א חברותא מיט וועם צו לערנען, און אויסנוצן די צייט אינעם קעמפ, מען זאל קענען שטייגען אין תורה.

**מען** ווייסט נאכנישט פונקטליך ווי אזוי די קעמפ וועט זיך אויסשטעלן, אלעס גייט מען אזוי אין דער פונסטערניש. מען האפט אז עס וועט זיך אויסשטעלן די בעסטע וואס עס איז. אבער מען דארף דאך זיין באווארענט אקעגן די רעגירונג, געדענקען אז **וואס מען בעהט און וואס מען פארלאנגט, זאל מען עס נעמען מיט א ערנסטקייט. אמאל קען אויסקומען פון א קלייניגקייט וואס מען טוט, ברענגט מען א קלקול פארן גאנצען קעמפ. אז מען וועט פארלאנגען אז מען דארף טון אזוי און אזוי, אין דיסטענ"ס צו אין אנדערע זאכען, זאל זיך יעדער צושטעלן דערצו, כדי עס זאל נישט ארויסקומען דערפון א ביטול תורה ברבים.**

**און** עס איז נוגע נישט נאר צום לערנען, נאר אויך צו תפלה. א בחור אין ישיבה דאווענט פיין, א בחור אויסער די ישיבה דאווענט שוואכער ווי ער דאווענט אין ישיבה. די מצב וואס עס האט געברענגט אז מען האט געדאווענט אינדערהיים, און מען האט געדאווענט מיט א מנין, צו אן א מנין, צו האלב מיט א מנין, האט צוגעברענגט א התרשלות אינעם דאווענען אויך, און דאס דארף מען יעצט משלים זיין, זיך צוריק שטעלן אזוי ווי א בחור דארף צו דאווענען. **מען קומט אין קעמפ זאל יעדער זיך נעמען דאווענען מיט א ערנסטקייט, הקול מעורר הכוונה, ווען מען דאווענט שטיל, פעלט אין כוונת התפלה. צוריק נעמען זיך צום עבודת התפלה, אלעס קען מען זיך אויסבעטן ביים דאווענען. עס איז יעצט ענקער לעצטן שטאפל אינעם לעבן, פון די יונגע יארן. וואס מען בעהט זיך יעצט אויס, דאס וועט בלייבן אויפן גאנצן לעבן שפעטער. שידוכים און אלעס וואס מען דארף האבן, דארף מען יעצט מתפלל זיין דערויף. בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל קענען אדורכפירן וואס מען וויל. און אז די פאר יאר וואס מען האט נאך, ביז מען גייט ארויס אויף די גאס, די יארן אין בית המדרש, און די יארן אין כולל נאכדעם, זאל מען קענען שטייגען אין תורה און יראת שמים.**

**און** חפץ ה' בידכם יצליח, אז מען האט א גוטע כוונה וועט מען אנקומען. דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה אז מיר זאלן אלע האבן א געזונטען זומער מיט א פרישן התחדשות אנהייבן צו לערנען, און איבערצוגיין וואס מען האט געלערנט. זיך פארנעמען איך וויל קענען, און זיך פארהערן, ביז סוף זמן, דעם און דעם לימוד. און אז מען נעמט זיך פאר ערנסט, איז הבא ליטהר מסייעין אותו. זאלן מיר אלע האבן א געזונטן זומער, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל הר"ר **חיים לאנדא** הי"ו, שנדב סכום הגון למקוה החדשה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **משה יוחנן וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מאיר בארמינקא** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

***<u>יום רביעי פרשת קרח</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן ש"ב **הרב חיים יהודא כ"ץ שליט"א** (לעיקוואד), שהתקיים בבית המדרש תולדות אהרן. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונתכבד בברכת המזון.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ברוך יחיאל דוד כייעס** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***<u>יום חמישי פרשת קרח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.

*

***<u>שבת קודש פרשת קרח</u>***

בסעודה שלישית נתכבד הר"ר **בערל דייטש** הי"ו בברכת המזון.